STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04692

IN MISTISHN LIKHT

Alexander Levinson

*Permanent preservation of this book was made possible
by Richard & Roger Grayson
in memory of
Esther & Sander Goldberg*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלכסנדר לעווינסאָן

אין מיסטישן ליכט

לידער
ביים
ים

נויאָרק
1930

פֿריינט משה חיים [illegible]
מיט ד. [illegible]

א. ליעסין

[illegible]
1/1/31

הימן ביים ים
עלעמענטעו
זון־גייסט
אין מיסטישן ליכט

וירא אלהים את האור כי טוב.

פעלקער ביים ים

ים-פויגל, רויב-פויגל
פון עק-וועלט געקומען
וואָס אַ־וואו מע זאָל זיי ניט פאַרטרייבן —
בלאָנדזשען זיי צוריק צום ים!

ים-פויגל, רויב-פויגל
דעם ברעג-ים באַפאַלן,
דאָרטן בויען זיי זיירע נעסטען,
זינגען זיירע לידער, —

בעטלער
וואָס צעהלן זייערע פענים
פאַרן שמייכל פון ים;

און דרעהען זייערע מילכעלעך,
לוסטיקע, אָרימע,
פאַרן ראָד פון דער זון,
פאַר די פויקען פון ים!

* *
*

פעלקער ביים ים, —
וואָס פאַר אַליד זאָל איך אייך זינגען?

לאָמיר פפלעכטן אונזערע געזאַנגען, —
אונזערע געצעלטען!

מוסקולען

אַקעגן כוואַליעס שטעהען מיר,
הענט פון ווייסן זילבר, —
ים, צו דיר געשטרעקט!

אַמיליאָן הענט הויבען זיך אויף,
אַמיליאָן הענט לאָזן זיך אַרונטער,
ווייסער זילבר — מוסקולען!

גימנאַסטיק

אַמיליאָן הענט הויבען זיך אויף,
אַמיליאָן הענט פלאַטערען אויף
צו דעם ים
צו דער זון
צו דעם ים
צו דער זון!

אַמיליאָן אויגען הויבען זיך אויף
אַמיליאָן אויגען פלאַמען אויף
צו דעם ים
צו דער זון
צו דער זון
צו דער זון —
מ ו ס ק ו ל ע ן!

הימן ביים ים

זאָלען הענט־אין־הענט געפלאָכטן זיין,
און גליד־צו־גליד ווי טורמען זיין —
מ — אַ — ר — ש — י — ר — ן !

זאָלען שטראַלען־זון ווי קראַנצען זיין,
שטראַלען־זון ווי שילדען זיין —
מ — אַ — ר — ש — י — ר — ן !

און טונקט די פּיס אין זון אַריין
און טראָגט די פרייד אין ים אַריין, —

אין פלאַמען־וויים
און פלאַמען־בלאָה

מ — אַ — ר — ש — י — ר — ן !

עלעמענטען

ז ו ן - ו ו י נ ט ע ן —— פ ל אַ ק ע ר ע ן —
זיי שוועבען
דורך ברוינע, רויטע, בראָנזענע פיגורען, —
ציגיינער ביים ים.

ז ו ן - ו ו י נ ט ע ן —— פ ל אַ ק ע ר ע ן —
זיי פליגלען סודות׳דיק
צווישן שבטים פאַר׳שיכור׳ט
פון זון-פרייד ביים ים.

ז ו ן - ו ו י נ ט ע ן —— פ ל אַ ק ע ר ע ן —
זיי זשומען
סוד פון פייער
סוד פון גבורה, —

דאָס פאָלק ליגט פאַרשמאַכט ביי די ראַנדען פון ים,

און גאָרנישט-גאָרנישט איז דער מענטש דאָ
עס הערשען נאָר צוויי:
פ י י ע ר — ו ו אַ ס ר
ע ל ע מ ע נ ט ע ן !

טריקן מיינע בלעטער, זון

ט ר י ק ן מ י י נ ע ב ל ע ט ע ר , ז ו ן ,
ט ר י ק ן מ י י נ ע ב ל ע ט ע ר !

איבער מיינע פעלדער, זון,
איבער מיינע גלידער
גיסט דיין ווינט אַ צאַרטער, זון,
שעפּטשעט דיינע לידער, —

ט ר י ק ן מ י י נ ע ב ל ע ט ע ר , ז ו ן ,
ט ר י ק ן מ י י נ ע ג ל י ד ע ר !

בוים פון דורות

דאָס קינד שפּילט בוים ברעג־ים,
די מאַמע וואַכט איבער זיינע טרוימען.

וואַכזאַם געפּפלעגט,
געשיצט און גענעהרט,
מיט זיילען ליכט באַלויכטן, —
אַזוי ווערט געהיט דער בוים פון די דורות!

צעהן טויזנט זונען
איבער אים זענען געפאָרן,
פויגל פון אַלע צייטען,
און ער וואַקסט און בליהט, דופּט און בליהט, —

בוים פון אַלע דורות.

ס׳קינד פונ׳ם מאָרגן

פעלקער ביים ים —
געצעלטען.

אַ טויזנט שפּראַכען
גלעקלאַך
ברעקלאַך
קולטורען
און אַ קינד וואָס שפּילט אין זאַמדען, —

זעה!
דאָרט וואַקסט און בליהט
בליהט און זינגט

ס׳קינד פונ׳ם מאָרגן.

וואָס אַ ווינט האָט גערעדט צו די מענטשןביים ים

— — — איך וועל קומען
און וועל אויסרייסן די פליגעל
וואָס האָבען אייך אַהערצו געבראַכט, —
נ י י ע, ש ע נ ע ר ע וועל איך אייך געבן!

און איר'ט פאַרגעסן:
אַלטע לידער,
שמערצען פון אַמאָל. —
נ י י ע וועט איהר צו מיר זינגען!

— — — איהר אַלע וואָס זיצט דאָ ביים ברעג פונ'ם ים
וועל איך מיט מיין אָטהעם צעשמעלצן,
און איהר וועט זיין איינס;
און איהר וועט פאַרגעסן
אַלטע פידלען
וואָס איר'ט אַהערצו געבראַכט
אַ נ י י ל י ד וועט א י ה ר צ ו מ י ר ז י נ ג ע ן!

אזוי האָט גערעדט אַ ווינטעל ביים ים — — —

זון
ווינט
און
וואַסר

אָ, פאַרוואָס האָב איך געוויינט
נאָכדעם ווי איך האָב זיך געבאָדן
אין איי'רע וואַסערען?

צי איז עס געווען דער באַריר פונ'ם קאָסמאָס,
איז אַ נייע קראַפט איבער מיר אַריבער?

ז ו ן
ו ו י נ ט
א ו ן
ו ו אַ ס ר !

איך בין אַ איד, —
און די וועגען פון הימל
האָב איך געלערנט, —
איי'רע האָב איך פאַרלאָזן !

זון־ווינט־און־וואַסר,
כ'שלים מיין בונד צוריק מיט אייך!

מיט'ן יושר דריי בונד,
דורך אייך וועל איך געגעזן ווערן!

ים פון אַלע צייטען

ים פון אַלע צייטען,
כ'קעהר צוריק צו דיר!

הייליקר פרימאָרגן,
איך וויל אָנפאַנגן פון אָנפאַנג!

פון מויערן אין שטעט
האָב איך דיין רוף געהערט, —

ים פון אַלע צייטען,
כ'קעהר צוריק צו דיר!

הייליקר פרימאָרגן,
איך וויל אָנפאַנגן פון אָנפאַנג!

מיטן ליכט פון זיבן זונען

כ'האָב זיך אָנגעזאַפּט מיטן ליכט פון פרימאָרגן
ליכט פון זיבן זונען
א י צ ט ו ו ע ל א י ך ג ע ה ן
אַ ל י כ ט י ק ר
אַ י י נ נ ע מ ן ו ו ע ל ט ע ן מ י ט ג ע ז אַ נ ג
מיטן ליכט פון זיבן זונען!

קינדער פון מיין פאָלק

פּרעה — זיך, פּרעה — זיך, ישׂראל,
אַף דער נייער ערד וואָס דו'סט ערוואָרבן,
נייער היים וואָס דו'סט געפונען!
זאָל יעדער קרעכץ פון דיין ברוסט פאַרשווינדן,
איעדער קנייטש פון דיין פּנים אַנטרינען!
נעם דיין האַרף
קום אַרויס
און קעגן אויג פון זון
טאַנץ דיין טאַנץ, ישׂראל !
זעה דיינע קינדער מוטהיק-שלאַנקע,
געאַרמט מאַרשירען ביי די ראַנדען פון ים, —
זינג דיין געזאַנג, ישׂראל !

גלעקער קלינגען

...און מיט שוים אַף די ליפּען, פרייד אין די אויגען,
וואַרפט דאָס פאָלק זיך צו די כוואַליעס, —
גלעקער קלינגען,
גלעקער פונ׳ם לעבן!

אַטויזנט צינגער האָבען זיך צעקלונגען,
אַטויזנט הערצער זיך צעזונגען, —
גלעקער קלינגען,
גלעקער פונ׳ם לעבן!

און פון אויבען ליכטער שאַלען,
עס שפּילען פידלען, טאַנצען שטראַלען, —
גלעקער קלינגען,
גלעקער פונ׳ם לעבן!

איך שווים

פלאַקערדיקע ווינטען צעצינדען זיך, צעזינגען זיך, —
א י ך ש ו ו י ם.

כ'הויב אויף אַ האַנט און באַריר —
ק ל אַ ו ו י ש ע ן פ ו ן ו ו ע ל ט ע ן.

עס טרייסלען זיך די בלעטער פונ'ם גרויסן בוים —
ג ע ז אַ נ ג ע ן...

ליכטער אַפן וואַסר

ליכטער אַפן וואַסר.
עס שפּילען
צוויי כחות פון נאַטור.
ס'פרייד פון ים וואָס ברויזט און שטורמט
און ס'שטילע
ג י י ס ט י ק ע
געזאַנג פון דער זון.

פייער

דאָס איז געווען אַ טאָג, ברודער!

פלאַקערען,
ווייסע פלאַקערען האָבען געשוועבט
איבר זאַמדען,
ווייסע פלאַקערען
און אַ מורמל פון ווינטען —

פ
י
י
ע
ר
!

אָ, פייער!
הייליקר, מיסטישר פייער!
פייער וואָס אין מיר, וואָס אַרום מיר,
פייער פון העכערע וועלטען
פונ'ם געטלאַכן שאַפונגס-קראַפט
וואָס איז אין מיר אַריינגעאָטהעמט געוואָרן, —

איך וועל דיר צעשפרייטן איבר ימ'ען,
פעלדער פונ'ם לעבן,
איך וועל וואַרפן דיין שיין אַף אַטויזנט וועלדער,
דיין ליכט איבר די פליינען פון דער ערד, —

פייער וואָס אין מיר,
פייער פון די זיבן הימלען!

זון־גייסט

מיין טהראָן איז אַף די זאַמדען,
איך בין דער קעניג פון טאָג!

קומען אינדען
וואַשען מיינע פיס,
קומען ווינטען
ברענגען מיר מתנות,
פערל פון די גרונטען,
ברכות פון די אינזלען,
זונען —
קרוינען אַף מיין קאָפּ, —

מיין טהראָן איז אַף די זאַמדען,
איך בין דער קעניג פון טאָג!

* *
*

קאָפּ געבויגן צו דער ערד, —
דאָך מיין גייסט
ווי אַן אָדלער!
הימל און ערד זיינען מיין,
אַלע פיער ווינטען!

קליין איז מיין גוף און שוואַך,
דאָך מעכטיק איז מיין גייסט
און אומבאַגרענעצט!
כ'הויב-אויף די פאָרהאַנגען פון ים
און ריים די בלומען פון זיינע גערטנער,
כ'באַריר די סטרונעס
וואָס וואַכען
שווייגנדיקע אין די הימלען
און רוף די געטער
זיי זאָלען שפּילן!

מעכטיק, מעכטיק איז מיין גייסט
און פריי זיין ממשלה,
גרוים איז דער כח
וואָס דו האָסט מיר געגעבן,
זון!

* *
*

מיעד באַטרונקן פונ׳ם העלן וויין
בלייב איך שטעהן
פנים אל פנים מיט ווייסר זון
מיסטישע שטראַלען:

איך בין זוהן פון וועלטען!
אדם הקדמון
וואָס איז אויסגעווען
אַלע גלגולים, מדרגות,
געטובל׳ט אין וואַסערען,
געלייטערט אין זונען,
אַצינד בין איך געקומען!

ביי די טויערען פונ׳ם מאָרגן
שוועל פון צוקונפט
שטעה איך און איך זאָג:

פאָטער — מלך!
איך בין רייכער און דיר!
מיין האַרץ איז פול מיט זונען,
געקומען איז מיין טאָג!
זעה — מיין גייסט רייסט דורך די הימלען
אויג שניידט מיסטעריע —

געקומן איז מיין טאָג!

מענטש דער אויסדערוועהלטער

ווינטען קומען צו מיר,
שליחים פון צייטען:
ז אָ ג !
דו, דער געהאָפטער,
געחלומטער ! — — —

ווינטען
צאַרטע סטרונעוודיקע ווינטען
לעגען זיי׳רע קרוינען פאַר מיר,
און איך זאָג:

איך דער געהאָפטער
וואָס דורות־לאַנג האָבען צו מיר געקוקט,
טרוימער האָבען מיך געזעהן
און נביאים וועגען מיר גערעדט, —

וו ע ל א י ך א ו י פ ש ט ע ה ן מ י ט מ אַ כ ט
פ ו ן אַ ט ו י ז נ ט ד ו ר ו ת ,
שטאָל פון ים אין מיינע אָדערען,
הימל אין האַרצן, —
מיין וואָרט צו די פיר ווינקלען פון דער ערד — — — —

גאָט האָט געגרייט אַ יום טוב ביים ים

גאָט האָט געגרייט אַ יום טוב ביים ים

זיסר ניגון האָט געוואַנדערט
און ליכט פאַרבאָרגענער
איז געגאַנגען
פון מענטש צו מענטש
און געשלאָסן די אויגען

זיי זענען געפאַלן
ווי זאַנגען באַטרונקען
פונ'ם זיסן ווייַן
וואָס פליסט אין דער נשמה

— — — — —
— — — — —
— — — — —

ל י כ ט ע ר נ י ט פ ו ן ד אַ נ ע ן
פאַרבען
אָנגעזאַפּט מיט עצבות
ו ו ע ר
ה אָ ט א ו י ס ג ע ג אָ ס ן
ז י י ן נ ש מ ה
אין אַ טייַך פון פאַרבענקטקייט

א ו ר ה ג נ ו ז
ס ' ה ע כ ע ר ע ל י כ ט
מ ע נ ט ש א י ז נ ת ע ל ה ג ע ו ו אָ ר ן
שטיל
אַ פאַרבענקטער
געהט אָרום אַף דער ערד.

ווייסקייט —
איין הייליקער געדאנק.

פלוצים
אַוואַלקן.

אָ, רייס ניט איבער
דעם פאָדעם וואָס פיהרט
צו מיסטעריע פון וועלטען!

מיטן ליכט דעם ערשטן

וואָלקענס
טרעהרען אינם ים אריין, —

אַ נעם־אַוועק
דעם עצבות׳דיקן שלייער פון איבער דיינע אויגען,
זאָל אַרוים די זון אַהערלאַכע
און קומען זאָל דער טאָג
דער צוגעזאָגטער
מיטן ליכט דעם ערשטן
ליכט פון זיבן זונען — — —

וועלען אַלע מענטשען טאַנצן
קעגן דיין שטראַלנדיקן פנים,
וועלען אַלע הערצער פלאַטערן
קעגן דיין פּאַטערליכן שמייכל — — —

אַ נעם־אַוועק
דעם עצבות׳דיקן שלייער פון איבער דיינע אויגען
לאָז אַריינקוקן אין דיין פנים,
זעהן דיך א י נ ג א נ צ ן!

עס וועט קומען אַ טאָג

עס וועט קומען אַ טאָג

און גאָט וועט צערייסן
דעם שלייער
וואָס הילט־
אײן די זיבן הימלען
די מחיצה וואָס שיידט
פאַנאַנדער
גאָט און מענטש
וועט פאַרשווינדען
און גאָט אַליין
וועט זיך מתגלה זיין
אַזוי ווי ער איז
טרערען וועלן פליסן
פון זיינע אויגען
און ער וועט זאָגן

קינדער דאָ בין איך
יאָרנטויזנטער
אין מיין מחיצה געהערט האָב איך
ס׳קלאַפּן פון אייערע הערצער
אַצינד בין איך געקומען

עס וועט קומען אַטאָג
אַ טאָג פון ליכט אַטאָג פון פרייד
ד ע ר ל ע צ ט ע ר ט אָ ג

לאָמיר טאַנצן דעם מיסטישן טאַנץ ביי דעם ים

לאָמיר טאַנצן דעם מיסטישן טאַנץ ביי דעם ים, —
טאַנץ פון אין־סוף!

דאָ איז זון, דאָ איז פרייד אָהן אַ ברעג, אָהן אַ סוף,
דאָ איז אָנפאַנג און בליה און גליה פון אין־סוף,
דאָ איז מקור פון ליכט,

זון איבר אונז,
ווינטען אינמיטן, —

לאָמיר טאַנצן דעם מיסטישן טאַנץ ביי דעם ים,
טאַנץ פון אין סוף!

ווינטען

כ'האָב געוואַשן מיין קערפּער, גערייניקט מיין גייסט —
ו ו י נ ט ע ן
אַ, ס ו ד ו ת ' ד י ק ע ו ו י נ ט ע ן
נעמט מיך אַריין אין אייער מיטן,
טראָגט מיך אַריבער אין איירע וועלטען!

מענטשען פאַרשטעהען מיך נישט,
איך פאַרשטעה נישט דעם מענטשן,
איך באַלאַנג צו די וועלטען פון סודות'דיקער שענקייט —
ו ו י נ ט ע ן,
א י ך ב י ן א י י ע ר!